פרייז 25 גראָשען פּינקטער יאָהרגאַנג "RADOMER-KIELCER LEBEN" 20 (210) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem“

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

ראדאָם פרייטאג ו' סיון תרפ"ח. ◆◆ פאַר'ן אינהאַלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטליך ◆◆ 25 go Maja 1928 r.


פליגען-פּענגער

די גאַראַנטירטע און ביליגסטע איז נאָר

„TĘPICIEL“

[illegible]

M. GROSFATER

Warszawa, Franciszkańska 21


PANI

**M. ROZENBAUMOWEJ**

nauczycielce szkoły

im. JOSELEWICZA

z powodu śmierci JEJ OJCA

wyrazy współczucia składa

Kierownictwo Szkoły.


## בעקאַנטמאַכונג.

מיר מאַכען בעקאַנט די געעהרטע באַנקעטן־קליענטעל, דאָס מיר נעהמען אָן וועקסלען צום איינקאַסירען אין ראַדאָם [illegible] פון פוילען אויף די ביליגסטע בעדינגונגען, אויסצאָהלענדיג די אַקצעפּטען אין דעם טאָג פונ'ם איינפליסען די געלדער

אויך מעלדען מיר, דאָס מיר נעהמען אָן [illegible] און נדבים אויף די בעסטע בעדינגונגען, אויסצאָהלענדיג זיי לויט'ן פערלאַנג צו יעדער צייט.

אונזער דעוויז: א גרויסער אומזאַץ און א קליין פערדיענסט.

מיט אַכטונג [illegible]

[illegible] 21

[illegible]

[illegible]



דער עסיג „זדראָוויע“ פון די פאַבריק ב. פּיזונגאָוועק

ראַדאָם, וואַרשאַווער 8

איז אַנערקענט דורך דעם וואַרשאַווער געזונדהייט'ס־אַמט און כעמישע לאַבאָראַטאָריום אלס דער געשמאַקהאַפטעסטער, נאַרהאַפטיגסטער און דער געזונדסטער, ווייל ער איז אויסגעאַרבייט פון ספּירט אָהן וועלכע עס איז געפעהרליכע סובסטאַנצען.

עמפּפעהלט איהם צו פערשידענע מאַרינאַטען: הערינג, סאַלאַט, אוגערקעס, פלאָמען, עפּפעל, בירנען, קאַרנישאָנען און צו קאָנסערוואַציע.

פערלאַנגט מיט מיין פאַבריקס־מאַרקע

Ocet „ZDROWIE“

אין אַלע געשעפטען.

די פירמע איז באַשאַנקען געוואָרען מיט דעם גרעסטען גאָלדענעם מעדאַל אויף דער פאַריזער וויסטאַוועה, יאהר 1927.






וויכטיג פאר קור געסט

אין ציעכאָצינעק!

א באַקוועמליכע פּענסיאָנאַט

מיט די בעסטע, איינריכטונגען און צוגענגליכע פרייזן,

איז געעפנט געוואָרען אין ציעכאָצינעק דעם 15 מאי ה. י.

מ. רעדליך

ווילא שקאלניק

זדראָיאָווע גאַס



דער בעסטער

עלעגאַנסטער מענער היט

איז נור

SELECT

פאַדערט איבעראַל!


Szczere wyrazy głębokiego współczucia składamy stroskanej rodzinie BRYKMAN z powodu śmierci nieodżałowanego

**MĘŻA i OJCA** ich

B. P.

wyraża

PERSONEL SKŁADU

BRYKMAN.

הומאריסטישע אבטיילונג.

# קרעפלעך.

צוזויפגעשטעלט
— פון —
מנחם מענדיל קיצלער.

בלינצעס, קרעפלעך, אנגעפולט
מיט קעז, ראזשענקעס און כל־טוב.
א מתנה לכבוד שבועות
דער מענשהייט פון אונזער
קהל'שען נשמיוצכץ.

## אקדמות פון דער ראדאמער גמינע

(צוזאגען און צוזינגען מיט'ן קנאק).

אקדמות איידער איך הויב אן ווערען אויס דאזארא — תא,
אולא שקילנא וועל איך מיך פריהער בעזארגען מיט א בלאקא — תא.
בבבי תרת ותלת מיט לאקריץ־ריידעלעך און פאלשע שטיק
קאן מען אלץ אויטפיהרא — תא,
בברי דברי מ'דארף נאר בלאפען, טשאקען, אז כ'וועט זיין גוטא — תא.
גבוה'ן עלמין ווער ס'האט די מאכט רייט אויפ'ן קארקא — תא,
גביל אילו רקיע מעגען די האנדווערקער און די פישמאנס שפרינגען
ביז'ן הימעל־ארויפא — תא.
דיו מ'דארף נאר האבען טינט און פעדער און דאן גיט מען זיך אנ'עצה — תא,
דירי ארעא און פאר'ן עולם גולם איז פערטיג א מעהרהייטא — תא.
הדר די שיינע יודען, די יחסנים און די גאנצע תקיפא — תא,
הקם ציטערן און פלאטערן כ'זאל נישט אויפשטעהן א נייע גמינא — תא.
ובלא לאי ס'ווערט ניט מיעד צוטראכטען פון דורס'ען די אנפיהרערא — תא,
ובאתא קלילא דעם שרייבער, וואס ענטדעקט זייער אויפפיהרא — תא.
זהיר יקריה עלה איף איין פרעזעס שיינט די שכינה
און ער שיסט מיט פייערא — תא,
זמין און ער גרייט זיך און גרייט זיך מיט זיין דיותא — תא.
טפי אפגעלעקט א ביינדעל און אממייסט געגנאגען פון דער רב־קאמפא — תא,
טעם און פערזוכט דיים אמת'ן טעם — האט דער סעקרעטארא — תא.
תלין אז ראדאמער קומען קיין לובלין און מ'רעדט וועגען דער קהלה — תא,
תמהין ושיילין לאכט מען און מ'שטוינט פונ'ם פערוואל־פרעזעסא — תא.
בנרנהי איינעם דעם צווייטען וויל דערשטעכען מיט די הערנערא — תא,
מסתרין מ'האנדעלט און מ'מסחר'ט וועגען די נייע גמינע־וואהלען
ווי אויף דער בערזא — תא.
מרימם געליבט זאל זיין פאר'ן דעקרעט דער מיניסטעריא — תא,
צבי וואס ער האט אונז מוכה געווען מיט נייע וואהלענא — תא.

## עשרת הדברות.

אנכי, איך הייס ר' יאסעל און אזוי ווי איך זאג מוז זיין...

לא יהיה לך, איהר, מיינע הערריז, ר' שמואל משה חייב איהר זאלט נישט ריינען די פרעמדע געטער...

לא תשא, יאגט איך נישט, ר' פרעזעס־לעב צומאכען קיין אגמאכען, חייל ס'ועט זיך סיי ווי נישט איינגעבען און אלץ וועט צערינען ווערען...

לא תשא, שווער נישט, אז ביהט געזיכערט מיט'ן מאנדאט צו דער נייער גמינע. קאנסט א מאל שווערען פאלש.

זכור, געדענקט ה"ה דאזארעס, ערב תליסה'ניקעס, אז ס'רוקען אז נייע וואהלען און אייערע הבטחות־וועקסלען זענען שוין ביים פראטעסט.

כבד, שיהן דיין כביד. אז נישט וועט מען דערצעהלען סודות...

לא תרצח, טהו דיר נישט אן קיין מעשעלע פון א ספר תורה און הינ'ע נישט קיינעם, ווייל דעמאלס ביסטו א גרעסערער רוצח.

לא תנאף, זינדיג נישט צוזאמען מיט די, וואס האבען דיך געשענדעט.

לא תגנב, גנב'ע נישט יענעמ'ס דעה און שפיעל נישט קיין קאמעדיעס פון פאליטיק. סוף־כל סוף וועט די מאסקע אראבפאלן און מ'וועט זעהן, אז ביסט געווען א גוטער שווינדלער און א שלעכטער דיפלאמאט...

לא תחמד, ס'זאל דיך נישט פערגלוסטען צו זיין א תקיף און שלאגען זיך אויף עטליכע פראנסען מיט א מאהל, ווייל דאן ביסטו א פערלוירענער און אלע וועלען לאכען פון דיר...

## גרינס אויף שבועות.

די יודישע סוחרים און האנדווערקער וועלען אויף היי־יעהריגען שבועות נישט דארפען אויסגעבען אויף גרינס. זיי וועלען יוצא זיין מיט די „ואקאזען פלאט־ניטשעס" פון אומזאץ־שטייער, וואס דערהאלטענדיג זיי ווערט יעדער מאמענטאל גרין און געל.

## ע ר ב ־ ד א ט ש ע.

(קליינער פעליעטאן).

מיין ווייב ארבייט מעשים, זי קוויטשעט און טומעלט
א דאטשע מוז איך איהר דינגען אין זאקאפאנע
א שכנה האט דארט שוין א דאטשע געדונגען,
אין זי איהר מקנא דעם וויבעל די גרינע הושטנא.

„אזא ציפע־טריינע וועט דינגען א דאטשע
און איך וועל אין שטאדט אין די היצען זיך גליהען!
פון אונטער דער ערד זאל מיר ווערען א דאטשע,
או נישט, וועט אין קאפ אלע טעלער דיר פליהען!...

און ס'העלפט נישט קיין בעטען, קיין הייסע תחנונים,
אז מיינע מכהרים זיי ליגען אין דער ערד,
זי ווערט דאן נאך בייזער, צושרייט זיך נאר שטארקער
און שיסט מיט זלזולים: בהמה און פערד!

„אויף אלץ האסטו שכל, מיין זיווג געבענשטער,
אויף וועקסלען שרייבען אין לאזען פראטעסטען.
א דאטשע, א דאטשע, א דאטשע זאל ווערען.
א דאטשע מיט כל־טוב. פון שענסטען און בעסטען!

„איך האב שוין ביי דיר גאר קיין ווערט,
א מאן, פאר זיין אייגען ווייב זאל נישט זארגען
א דאטשע זאל ווערען איך וויל גארנישט וויסען —
מעגסט וועקסלעך שרייבען און לייען און בארגען."

— — — — — — — — — — — — —

איצט געה איך ארום. און דער קאפ איז נישט מיינער.
אין בין ווי משוגע און בין, ווי א דולער.
די קעשענעס ליידיגע, לעהרע אין פוסטע —
אין נאר מיט „גאקאזען" מיין שאנק א פולער.

א רעטונגס־קאמיטעט איז דאכט זיך דא געשאפען
צו העלפען די מענשען, וואס אין נויט, —
אפשר וואלטען זיי פאר מיין ווייב א דאטשע געדינגען,
זי זאל מיך נישט שעלטען, פערמוטשען צום טויט?...

**צבי פ—ער.**

## דער גרויסער רושם אין פעלקער־בונד

**זשענעווא.**

(ספעציעל צו „די קרעפלעך").

דא האט געמאכט א שטארקער רושם דאס לייגען דעם מאנדאט פון מעצע־נאס, ה' מוליער, פון דער שטאדט ראדאם. אין צוזאמענהאנג מיט זיין רעזיגנאציע אלס ראטמאן פון ראדאמער שטאדט־ראט, האט דער פעלקער־בונד אבגעהאלטען א עקסטרא־זיצונג, אויף וועלכער ס'איז אויסגעדריקט געווארען גרויס מיטגעפיהל צוליב'ן גרויסען פערלוכט, וואס האט איבער דעם געטראפען דאס יודישע פאלק בכלל און דאס ראדאמער יודענטום בפרט.

## שטורמישע זיצונג אין גמינע.

אויף דער לעצטער ראט־זיצונג איז בעהאנדעלט געווארען די פראגע, אויב די דאזארעס און די פרנסים פון ראט און פערוואלטונג דארפען עסען אום שבועות מילכיגע, אדער פליישיגע קרעפלעך. דער אפאזיציאנער ה' פישמאן, וואס לעבט נישט בשלום מיט'ן פרעזעס האט וועגען דער פראגע געהאלטען א לענגערע רעדע, אין וועלכער ער האט אנגעוויזען, אז אזוי ווי דער ראט געהט אנגעטוהן מאסקעס און אזוי ווי אין פורים עסט מען פליישיגע קרעפלעך מוזען די דאזארעס עסען פליישיגע קרעפלעך.

געגען דעם מאטיוו זענען ארויסגעטרעטען די כ'עזעסען פון ראט און פערוואלטונג, וועלכע האבען אין א שארפען טאהן פראטעסטירט, אז דער „שידוך" צווישען ציוניסטען מיט דער אגודה און דער בונד צווישען פריינע־זאנענע און רעליגיעזע פרומע יודען איז נישט מעהר ווי צו ראטעווען די סיטואציע, טפו, כ'מיין דאס יודישקייט, וואס די האנדווערקער: די אפאזיציע, מיט ה' פישמאן בראש, ווילען בעקעמפען, לכן בעטען זיי, אז זיי זאלען שטימען לטובת דעם דת און יעדער יוד זאל עסען מילכיגע קרעפלעך.

אזוי ווי צוליב'ן פארשלאג איז אויסגעבראכען א היציגע דיסקוסיע איז געבליבען איבערצולאזען די אבשטימען איבער'ן פארשלאג אויף איבער־יאהר. דערווייל איז די גמינע נישט מילכיג'ס און נישט פליישיג'ס.

## KANALIZACJA i WODOCIĄGI

BIURO TECHNICZNE

## I. GOLDBERG

**w RADOMIU, ul. WITOLDA 10,**
**Telefon 87 — Sklepu 369.**

Wykonywuje: połączenia wodociągów i kanalizacji z siecią miejską, oraz całkowite urządzenia kąpielowe — po :-: :-: :-: cenach najniższych. :-: :-: :-:

WARUNKI BARDZO DOGODNE!

---

## SAMOCHODY **osobowe i ciężarowe** „Forda"

Akcesorja, **części, opony i oleje samochodowe**

ROWERY **oryg. Angielskie marki** „RALEICH"

Artykuły techniczne **dla fabryk, młynów i tartaków**

*LAMPKI ELEKTRYCZNE*

*APARATY do spawania autogenem*

**stale na składzie, dostawa szybka.**

**„AUTOMOTOR"**
**Sp. z o. odp.**
Radom, Żeromskiego 48
**Tel. 340.**

---

## OBWIESZCZENIE.

MAGISTRAT m. RADOMIA podaje niniejszem do publicznej wiadomości, że wymiary podatku od lokali na rok 1928, państwowego i miejskiego podatku od placów niezabudowanych na rok 1928, państwowego podatku od nieruchomości na rok 1928 i dodatku komunalnego do tegoż podatku, zostały ukończone i nakazy płatnicze rozesłane,

Wobec powyższego wzywa się płatników wymienionych podatków, którzy nakazów płatniczych nie otrzymali, by w prekluzyjnym terminie do DNIA 1 CZERWCA r. b. zgłosili się do Wydziału Skarbowego Magistratu (Sekcja Podatkowo-Egzekucyjna — parter) po odbiór tychże: w przeciwnym razie nieodebrane nakazy płatnicze będą uważane za doręczone.

Radom, dnia 22 maja 1928 roku.

wz. Prezydenta miasta (—) **W. Uziembło.**
Naczelnik Wd-u Skarbowego (—) **T. Lauterbach.**

---

## אויפפאדערונג.

איך פאָדער אויף עפענטליך דעם ה׳ אהרן יוסל לעווין מיט זיין פרוי (וואָהל 5) צו שטיין מיט מיר צו א דין תורה פארן היגען רב ה׳ קױסטענבערג, אדער פאר א עהרען-געריכט וועגען מיין חיב וואס מיר קומט — און נאָך פיעל הזמנות ווילען זיי מיט מיר קיין די״ת גיט האָבען – דאָס געלד איז גזלת אלמנה — און מיין קריטישע לאגע ערלויבט מיר נישט דאָס זיי צו שענקען.

אויב דאָס וועט נישט ערלעדיגט ווערען אין פערלויף פון 2 וואָכען, וועל איך דאָס אלעס פערעפענטליכען און וועל רעאגירען ווי אמשארפסטען.

אלמנה שרה קראַנץ.

---

## SZKOŁA FREBLOWSKA
## E. FINKLERÓWNY

przy org. „Haszomer Hacair" LUBELSKA 14

przyjmuje dzieci na miesiące letnie

**Zapisy odbywają się codziennie od 2 do 6 p.p.**

UWAGA: Urządzone będą częste spacery i wycieczki.

---

**BROWAR PAROWY**

## J. SASKI

w Radomiu

**poleca piwo**

## „EL".

---

## אכטונג ראדאם און אומגעגענד!

דער איידעלסטער אָרגאן פון מענש איז דאָס אויג, וועלכעס גיט איהם די מעגליכקייט אונטערצושיידען דאָס שלעכטע פון גוטען, אוב צו פערמיידען מעגליכע אונאנגענעמליכקייטען דורך שלעכט צוגעפאסטע ברילן, וועלכע רופן ארויס אומזיסטע שמערצען, איז געראַסהען זיך צו פערזעהען מיט ברילען אין פענסנע, וועלכע עס עמפפעלט אין א גרויכען אויסוואהל, און וועלכע ווערען אויסגעפיהרט גענוי נאָך די פארשריפט פון די ה. ה. דאָקטוירים דורך דעם ספעציאליסט אָפטיקער



## Z. WĘGIER
**Radom, Lubelska 25**

אויף לאגער אָרטאָפעדישע און גומי אויסארבייטונגען

אכטונג אויף דעם אדרעס און פירמא

---

Kino CORSO w Radomiu.

**Dziś i dni następnych**

Wielka premjera!

## NIEWOLNICY CARSKIEGO KNUTA

— W rolach głównych: —
Mona Marry, Harry Halm
i i n n i.

---

## בעקאַנטמאכונג.

איך מאכע בעקאַנט דאָס די פירמע

## ש. בלאטט

לובלינער 30 (אין הויף)

ארבייט אויס צום זומער־סעזאָן פעלד-בעטע, לעזשאַקעס און אָפליג-פּאָטעלען צום שלאָפען צו קאָנקורענץ פרייזען!—קומט און איבערצייגט אייך!

---

Kino CZARY w Radomiu.

**Doskonały i bardzo ciekawy obraz** pod tytułem:

## JÓZEF w EGIPCIE

**Wielkie misterjum biblijne.**

Film w Radomiu niewidziany!

Nad program: B. DOBRY DODATEK.

---

## Felczer H. GRINSZTAJN Zgodna 1, tel. 303, ma świeżą ospę

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC

Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 20